בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת פנחס תשפ"ה

גליון 425

## אמרות שמשון

### ברכה פון שלום כדי די גרויסקייט זאל נישט שאדן

***לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם*** (כה, יב). פארוואס האט דער אויבערשטער צוגעלייגט פאר פינחס די ברכה פון 'שלום' צוגאב צו דעם וואס ער האט באקומען די מתנה פון 'כהונה'?

**מען** קען ערקלערן אז פינחס האט זוכה געווען אז ער איז 'עלה לגדולה', ער איז געווארן גרויס, דורכן ווערן א כהן. און האט באקומען די מתנה פון 'זרוע לחיים והקבה', דאס זענען די חלקים פון א קרבן וואס מען דארף געבן פארן כהן, וואס דאס באקומען די כהנים אין זכות פון פינחס, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (חולין קלד: ועיי"ש).

**און** עס שטייט אין חז"ל (פסחים פז:) 'רבנות מקברת את בעליה', גרויסקייט באגראבט א מענטש, עס איז גורם מען זאל נפטר ווערן איידער די צייט. און אויב וואלט פינחס נפטר געווארן איידער זיין צייט, וואלט מען געקענט האבן א טעות און זאגן אז דאס איז געקומען אלס עונש צוליב וואס ער האט גע'הרג'עט זמרי, און נישט צוליב די גרויסקייט וואס ער האט באקומען.

**דעריבער** האט אים דער אויבערשטער צוגעגעבן די ברכה פון שלום, אז די גרויסקייט זאל אים נישט שאדן. און אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני פרשת פנחס רמז תשע"א, פרקי דר"א פרק מ"ז ועוד) 'פנחס זה אליהו', אז ער איז קיינמאל נישט נפטר געווארן. אזוי איז ער שטענדיג פארבליבן מיט די גרויסקייט וואס ער האט באקומען אלץ שכר וואס ער האט גע'הרג'ט זמרי. (אות א' ד"ה ולפי)

### פנחס האט געצערנט די יעצטיגע צאָרן

***בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם*** (כה, יא). רש"י (ד"ה בקנאו) זאגט אויפן ארט: 'בקצפו את הקצף שהיה לי לקצוף'. דער אויבערשטער זאגט, אז פנחס האט געצערנט די צאָרן וואס איך וואלט געדארפט צערנען. לכאורה דארף מען פארשטיין, אויב האט דער אויבערשטער געדארפט צערנען, פארוואס האט ער נישט געצערנט? און אויב האט ער נישט געצערנט, איז משמע אז מען וואלט נישט געדארפט צערנען, אויב אזוי פארוואס האט פנחס געצערנט?

**מען** קען ענטפערן, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (סנהדרין פא:) עמיצער וואס טוט אן עבירה מיט א גוי'אישע פרוי 'קנאין פוגעין בו', די קנאים - וואס נעמען זיך אן פארן כבוד פונעם אויבערשטן - הרג'ענען דעם מענטש בשעת מעשה. זאגט די גמרא, אויב האט אים קיינער נישט גע'הרג'עט בשעת מעשה, ווערט ער באשטראפט מיט 'כרת', אז ער ווען פארשניטן פון די וועלט.

**אויב** אזוי, ווילאנג קיינער האט נישט פוגע געווען אין 'זמרי', וואלט ער באשטראפט געווארן מיט 'כרת', אבער דאס פאסירט נישט גלייך אויפן ארט, (אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל מועד קטן כח. אז מען שטארבט ביז די פופציג יאר אלט). דעריבער איז דאס א 'קצף' - צארן וואס דער אויבערשטער וואלט געצערנט במשך די צייט, און באשטראפט 'זמרי' מיט כרת.

**אבער** יעצט אז עס איז געווען 'קנאין פוגעין בו', פינחס האט אים גע'הרג'עט אויפן ארט, און ער האט יעצט געצערנט אויף די חילול ה', האט ער צוגעברענגט אז דער אויבערשטער וועט שוין מער נישט דארפן צערנען, און באשטראפן מיט כרת במשך די קומענדיגע יארן, אז ער זאל פארשניטן ווערן יונגערהייט פון די וועלט. (אות ב' ד"ה וא"כ)

### זוכה צו חיים נצחיים - מדה כנגד מדה

***לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם*** (כה, יב). עס שטייט אין חז"ל (פרקי דר"א פרק מ"ז ועוד) אז די שכר וואס פנחס האט באקומען - די ברכה פון 'שלום' - איז אז עס וועט נישט געוועלטיגן אויף אים דער מלאך המות, און האט זוכה געווען צו חיי עולם הזה און חיי עולם הבא.

**מען** קען ערקלערן אז דאס איז מדה כנגד מדה. ווייל ער האט גע'הרג'ט און פארשניטן די לעבן פון 'זמרי' וואס האט דערצערנט דער אויבערשטער, האט אים דער אויבערשטער באצאלט מיט א 'ברית שלום' אז ער וועט בלייבן לעבן אויף אייביג, און זוכה זיין צו חיים נצחיים. (אות ב' ד"ה וא"כ)

זרע שמשון



חדש! חדש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים

תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!

שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
האשה החשובה
הנזר והעטרה צנועה
וכשירה תמימה וישרה
מרת פרידא פאשקעס ע"ה
בת הרה"ח רבי אשר
ענזיל גאלדשטיין ז"ל
נלב"ע י"ט תמוז תשע"ז לפ"ק ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
מו"ר ועט"ר מזכה הרבים החכם
רבי מיכאל חיים כליפה
בן רחל חלו זצוק"ל
נלב"ע ליל ש"ק כ"א תמוז תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו משה נימני להצלחה בכל

לעילוי נשמת
מרדכי מרקו בן אסתר ז"ל
נלב"ע כ"ב תמוז תשמ"ח ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש על ידי בנו ידידינו
משה בן חנה אניתה להצלחה בכל

רפואה שלימה
רפאל בן לינדה • סליה בת אסתר • לאה בת שרה בילא • אברהם מרדכי בן שיינדל • דורה בת אסתר
שישלח ה' להם רפואה שלימה והחלמה מהירה בכל גופם ויהיה להם אריכות ימים ושנים טובות ומתוקות לשמחתם ולשמחת כל משפחתם

עושר ואושר
ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו לראות פריצת דרך ברכה ושפע רב בקרוב ממש מתוך מנוחת הגוף והנפש

זיווג הגון
ברכה מרים בת חולדה
לזיווג הגון בקרוב ממש מתוך אושר ושמחה ובניקל

שפע וברכה
חיים דוד בן עטיא
וזוגתו צביה רחל בת רבקה
שיזכו לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל מכל כל עד בלי די פרנסה בשפע מתוך הרחבת הדעת וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

הצלחה ועושר
אשר אנשיל דוד הלוי בן נילי
לשפע הצלחה ברכה ועושר בלא גבול בקרוב ממש

זכות וברכה
להצלחת השותפים התורמים ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

הצלחה וזש"ק
יצחק בן רחל
וזוגתו רינה בת לינדה
לשפע ברכה והצלחה בכל ולהיפקד בזש"ק בבריאות

רוב ברכות וישועות
מרדכי בן רחל
שיזכה לזיווג הגון פרנסה טובה ועשירות גדולה ומציאת דירה לקניה במהרה ובריאות איתנה

הצלחה ועושר
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד ובשורות טובות בקרוב ממש

רשת שיעורים וכוללים
בספר המסוגל שע"י
בית המדרש זרע שמשון

הודעה משמחת
ניתן להקדיש חודשי
וימי לימוד לזכות ולישועה
וכן לעילוי נשמת עם לימוד
משניות ואמירת קדיש.
רואים פלאות

פרטים בטל:
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657

## שכר פון פינחס מדה כנגד מדה

**וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם** (כה, יג).

**די** שכר וואס פינחס האט באקומען פון 'כהונה' און 'שלום' איז געווען 'מדה כנגד מדה', ווי פאלגנד:

**דער** שכר פון 'כהונה' איז געקומען, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (במדבר רבה כא, ד), אז דער וואס פארגיסט בלוט פון א רשע איז כאילו ער איז מקריב א קרבן. דעריבער האט פינחס זוכה געווען אז ער איז געווארן א כהן וואס איז מקריב קרבנות.

**און** דער שכר פון 'שלום' איז געקומען, וויבאלד ער האט געברענגט שלום צווישן כלל ישראל און דער איבערשטער, דעריבער האט ער זוכה געווען, אז לעתיד לבא וועט ער ברענגען שלום אויף די וועלט.

**אזוי** ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני, שם), אז פנחס איז אליהו הנביא, וואס וועט קומען לעתיד לבא מבשר זיין די גוטע בשורה און ברענגען שלום אויף די וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מלאכי ג, כג - כד), ***הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא. וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם*** וגו'. (אות א' ד"ה ולפי)

## מהנעשה והנשמע • לעילוי נשמתו ולהפצת תורתו

# היכל הישועות ביהמ"ד זרע שמשון

**די נאמען היכל הישועות - זרע שמשון**, איז געגעבן געווארן פארן **היכל ביהמ"ד זרע שמשון אין עיה"ק ירושלים תובב"א**, וואס איז פארוואנדלט געווארן פאר א שפרודליגע קוואל וואו עס פליסט אריין די ישועות פון איבעראל, ווי אידן פארציילן זייערע ישועה און השגחה פרטית וואס זיי זענען געהאלפן געווארן בזכות דער הייליגער צדיק רבינו הזרע שמשון זי"ע.

**די** לומדי הכולל און יושבי האוהל אין ביהמ"ד זרע שמשון, זענען געוואוינט צום טעגליכן ערשיינונג ווי אידן קומען אריין פארציילן זייערע ישועה וואס זיי האבן פערזענליך בייגעוואוינט.

**אידן** פון אלע שיכטן און קרייזן פארציילן איבער אלע סארטן ישועות אין פילצאליגע הינזיכטן, ווי די כח פונעם צדיק איז חי וקיים פאר אלע וואס זענען מקיים די צוואה, און לערנען דעם ספר, אדער נעמען א חלק אין די געוואלדיגע זכות צו פארשפרייטן די תורות פאר אידן איבער די גאנצע וועלט.

### שליסונג פון צוויי שידוכים ליל בדיקת חמץ

**לעצטנס** איז אריינגעקומען א איד און ביהמ"ד און פארציילט איבער איינער אין זיין משפחה וואס האט געניטיגט אין א שידוך, גלייכצייטיג האט ער אויך געהאט א חבר וואס האט געדארפט דרינגנד מאכן א שידוך מיט זיין טאכטער, און ער האט שטענדיג מתפלל געווען פאר ביידע פון זיי.

**מיט** עטליכע חדשים צוריק - אום חודש שבט - ווען עס איז ערשינען דעם נייען ספר **'זרע שמשון יום יום'** האט ער איינגעקויפט אסאך דערפון, און עס פארטיילט פאר אידן אומזיסט, כדי זיי זאלן קענען לערנען דערין און זיך קובע זיין שיעורים צו לערנען יעדן א שטיקל זרע שמשון. זאגנדיג אז ער טוט עס אלס א זכות פאר זיינע צוויי באקאנטע זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט א שידוך בקרוב.

**עס** איז נישט אריבער צוויי חדשים - ליל בדיקת חמץ - זענען ביידע געהאלפן געווארן אויף איינמאל, זיי האבן געשלאסן שידוכים בשעה טובה ומוצלחת.

### זוכה געווען צו א בן זכר צום שלום פונעם יאר

**א** צווייטער איד פארציילט, אז ער האט געהאט פינעף טעכטער און האט נאכנישט זוכה געווען צו א בן זכר, מיט א יאר צוריק איז אים אויסגעקומען אריבער צוגיין 'רחוב הצבי' אין ירושלים, ווי עס געפינט זיך דער ביהמ"ד און היכל הישועות 'זרע שמשון'.

**זעענדיג** אז עס איז אויפגעשטעלט געווארן אן ארט לשמו ולזכרו פונעם גרויסן צדיק דער זרע שמשון זי"ע, האט עס אים ערוועקט און געגעבן א שטופ ער זאל אנפאנגן צו לערנען דעם ספר.

**און** יעצט איז ער געקומען פארציילן די פרייליכע בשורה, אז א יאר שפעטער איז געבוירן געווארן ביי אים א בן זכר למזל טוב!

### געגעבן א נאמען נאכן זרע שמשון ניין חדשים שפעטער

**דעם** פארלאפענעם ליל שישי ביים שיעור זרע שמשון, איז עמיצער געקומען ספעציעל צו פארציילן זיין געשיכטע, אז פאראנגאנגענע יאר ביים יארצייט פונעם זרע שמשון זי"ע - ו' אלול - האט ער געפראוועט א יארצייט סעודה ביי זיך אינדערהיים, און האט זיך אונטערגענומען צו לערנען דעם ספר בקביעות, אז עס זאל אים זיין פאר א זכות צו געהאלפן ווערן מיט א זרע של קיימא.

**מיט** גרויס התרגשות פארציילט דער איד, אז פונקטליך ניין חדשים שפעטער איז אים געבוירן געווארן א בן זכר למזל טוב, און ביים ברית האט ער א נאמען געגעבן דאס קינד 'שמשון חיים' לשמו ולזכרו פון רבינו זי"ע, אלס הכרת הטוב פאר די ישועה וואס זיי זענען אויפגעראכטן געווארן בזכות'ן צדיק.

**דאס** איז בלויז א קליינעם טייל פון די קוואל וואס פליסט אריין אינעם 'היכל הישועות', א חלק פון אומצאליגע וואונדערליכע געשיכטע'ס וואס אידן פארציילן איבער די גרויסע כח פונעם הייליגן צדיק וואס איז משפיע פאר אלע וואס לערנען און העלפן אנדערע לערנען אין דעם ספר 'זרע שמשון', זכותו הק' יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.



שער בית המדרש זרע שמשון בירושלים


לומדי כולל חצות בבית המדרש


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצייגבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120